# פֿאַרברענטע ספֿר־תּורה
(לויט מהר״ם מ׳ראָטענבורגס ״שאלי, שרופֿה באש״)

ספֿר־תורה פֿאַרברענטע, פֿרעג וואָס זיי מאַכן,
די אבלים פֿון דיינע אַשיקע שליאַכן - - -
וואָס זיי האָט ווייטאָק אויפֿגעריסן די וויעס
אין דערשטוינונג —ביים פֿלאַקער פֿון דיינע יריעות:

וואָס בענקען און קלערן, צי גאָט וועט באַשערן,
אַז פֿאַר זיי און פֿאַר דיר זאָל ליכטיק נאָך ווערן;
וואָס שטרעבן און וואָגלען און זוכן אַן עצה
און וואַלגערן אויף דר׳ערד זיך — פֿרעג ווי עס גייט זיי?

און דער מענטש, וואָס זיין האַרץ צעברעכט זיך אויף צווייען,
ווען ער קרעכצט אין זיין ליד דיינע שרעקלעכע ווייען,
און איז פֿינצטער ווי קראָען, און ער קלאָגט ווי שאַקאַלן
צוליבן אומגליק, וואָס איז אויף דיין גורל געפֿאַלן?

תורה, דו פֿייער אויף פֿייער געשריבן —
איז מעגלעך, אַז דו האָסט אויף אַש זיך צעריבן,
ווען ערדיש פֿייער האָט דיין פֿאַרמעט צעגליט,
און די האַנט פֿון דעם פֿיינט האָט זיך נישט אָפּגעבריט?

אָ ״אײדעלע״, ביז וואַנען וועט איר וואוילטאָג געניסן
און אונדזערע בלומען צווישן דערנער פֿאַרשליסן?
זאָגט, צי וועט לאַנג נאָך זיין ווי אַצינדער,
אַז איר זעצט זיך מיט גאווה און משפּט גאָטס קינדער
און וואַרפֿט אייביקע געזעצן אין פֿייער אַריין?
געבענטשט, ווער עס וועט אין אייך נוקם זיך זיין.

צי דערפֿאַר ביסטו, תורה, אין בליצן געגעבן,
אַז זיך אויסרויכן זאָל אויף שייטערס דיין לעבן?
צי דעריבער האָט, סיני, דיך גאָט אָנגעטראָפֿן
אויפֿן וועג, ווען ער איז פֿון די גרויס־בערג אַנטלאָפֿן,
אַ צייכן, זאָל זיין, אַז נאָך צייטן און צייטן
וועט, ווי אַ מענטש וואָס ווערט אַלט, דיין וואוקס זיך בייטן,
וועסט נידעריק זיין, קליין, איינגעבויגן.
סאַראַ פֿיינלעכער משל עס פֿאַלט אין די אויגן: —

ביים געבורט פֿון זייַן זון מאַכט אַ קעניג אַ באַל:

ליכט לייכט אין די אויגן, פֿרייד טאַנצט אין זאַל,
ווער עס זינגט, ווער עס טרינקט, נאָר דער קעניג אַליין
זיצט, שווייגט און שווייגט און לאָזט אַרויס אַ געוויין,
קיינער ווייסט נישט פֿאַרוואָס, קיינער ווייסט נישט פֿאַרוועגן,
אַז זיין זון וועט שטאַרבן, האָט נאָר דער קעניג געזען...

דו, סיני, אלמנה, באַוויין, טו אָן זיך אין זעק!
און איך וועל גיסן מיט טרערן, אַ טייך זאָלן זיי ווערן,
דער טייך זאָל זיך ציען ביז דיינע צווײ האַרן —
משה און אהרן — און ביי זייער קברים
פֿרעגן אַ שאלה: איר, הייליקע שרים,
האָט מען איבערגעגעבן אין אייערע הענט
אַ תורה, אַ נייע, וואָס מ׳האָט די אַלטע פֿאַרברענט?

אין חודש דריי — די תורה געשאָנקען, אין חודש פֿיר —
דאָס קרוינישע, גאונישע פֿאַרניכטעט אין איר.

איינמאָל לוחות צעהאַקט, אַ צווייט מאָל צעמאָלט
דעם דת און פֿאַרשרפֿה׳ט, האָט מען כפֿל באַצאָלט?

כ׳פֿאַרשטיי נישט, ווי אַ ביסן קען שמעקן מיין גומען
נאָך מיין זען דיין פֿאַרמעגן, צוזאַמענגענומען,
ווי אין אַן עיר־הנדחת אויפֿן מיטן דעם וועג,
און שמוציקע האַנט האָט פֿאַרברענט גאָטס פֿאַרמעג.

איך קען נישט געפֿינען דיין טיר, דיין טויער,
פֿאַרשאָטטענע זענען דיינע סטעזשקעס מיט טרויער,
נישט האָניק, אַ טרער אין געטראַנק איז מיר זיס,
קייט פֿון דיינע קייטן איז מיר גוט צו די פֿיס,
מיין אויג וויל שעפּן געוויינען וואָס מער
פֿון אומעטום, וואו פֿאַר דיר לאָזט עמעצער אַ טרער,
נאָר זיי טריקענען באַלד אויס אויף מיין באַק, ווען זיי פֿאַלן,
באַווייל מיין רחמנות איז: הייס־הייסע קוואַלן.

מיין ברענענדיקער צער אויף דיין מאַן דעם גרויסן,
וואָס קריכט און שלענדערט און וואָגלט אין דרויסן —
האָט ער גענומען זיין פּעקל און אַוועק ערגעץ ווייט,
און דיינע שאָטנס לויפֿן אים נאָך ביי דער זייט,
און איך אָן אייך בין עלנט געבליבן,
איינזאַם, ווי אַ זעגל אויף אַ באַרג־שפּיץ פֿאַרטריבן.

נישט צו הערן איז מער קיין קולות פֿון פֿרייד;
געפּלאַצט איז די פֿידל, די פּויק און די פֿלייט,
כ׳וועל מיך איינהילן אין זיך און קלאָגנדיק ליגן,
ווי זאַמד ביי דעם ברעג זיינען דיינע הרוגים.

כ׳פֿאַרשטיי נישט, ווי אַזוי די זון וואַרעמט און שטראַלט
פֿאַר אַלע, און מיר איז זי טונקל און קאַלט.
צו גאָט, דיין פֿריינט, ביטער איך שריי אויף דיין בראָך,
אפֿשר וועט ער זיך דערמאָנען אייער גאָלדענע וואָך.

נעם, שנייד און ניי־אויף דיר בגדים פֿון זיך,
צוליבן פֿייער, וואָס גייט און פֿרעסט אויף דיינע טעג,
נאָר אַזוי לאַנג ווי דיין פּיין איז גרויס, וועט השם
פֿון די שבטים ישורון אויפֿשטעלן אַ היים,
גאָלד־באַצירט וועט דיין האַנט, זונענגלאַנץ אין דיין אויג,
און אין טאַנץ וועסטו גיין צום טאַקט פֿון דער פּויק;
שטאָלץ וועט מיין האַרץ זיין, אַז דיר ליכטיק וועט ווערן,
פֿריילעך וועלן זיצן אין דיינע נעכט גרויסע שטערן...

---

(1938) וואו דאָס ליד איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן איז אונדז אומבאַקאַנט.